# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**7:54**
מוצאי שבת קודש............**9:24**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................שופטים כ'
בבלי...........................חולין צ"ג
ירושלמי...........בבא בתרא ט'
תוספתא.............בבא קמא ט'
רמב"ם............קידוש החודש ב'

פרשת עקב, י"ח אב, אבות פרק ד', שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 43 (762)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וְגוֹ' וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ וְגוֹ'.** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן זַיין ווַאוִיל, וֶועט עֶר זֵיי גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. רַשִׁ"י זָאגְט, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶס מִיט דִי פִּיס, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן דִי גוּטֶע זַאכְן. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס זֶענֶען דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס?

דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וָואס זָאגְט דְרֵיי לְשׁוֹנוֹת, **תִּשְׁמְעוּן, וּשְׁמַרְתֶּם, וַעֲשִׂיתֶם**, אַז דָאס אִיז קֶעגְן **מִקְרָא**, **מִשְׁנָה** און **גְמָרָא**, דִי דְרֵיי הוֹיפְּט לִמּוּדִים, וָואס אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין יֶעדֶע סֵפֶר, און מֶען לֶערְנְט עֶס אִין אַ סֵדֶר, און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס אִיז זִיכֶער גוּט, און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאגְט מֶען בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, און וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט מֶען עֶס צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס אַוֶועק "דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, לֶערְנֶען הֵייסְט נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל, מִיטְן גְרֶעסְטְן עִיּוּן, צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר דִי זַאךְ". און דֶעמָאלְט קוּמְט אוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ צַייטְן לֶערְנְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, ווַייל מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָבֶּער וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן און מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל, און אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ מֶען וֶועט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶס מִיט דִי פִּיס, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" וָואס אִיז אַ גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶס מִיט דִי פִּיס, מֶען מַאכְט עֶס אַוֶועק. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען וֶועט עֶס יָא אַיינְהַאלְטְן, און דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת עֵקֶב תשס"ח לפ"ק)

נָאךְ אַ פְּשַׁט קֶען מֶען זָאגְן לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט), **וְהָיָה** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פי"ג ס"ה). **וְהָיָה** - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אַז, **עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן** - אֲפִילוּ דִי פִּיס וֶועלְן הֶערְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי פִּיס וֶועלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, **וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית** - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זֶעהְן אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית, ווַייל דִי עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס. דָאס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען זָאל זֶען צוּ אָפְּהִיטְן דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה, פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן עֶס אַוֶועק, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען זִיךְ יָא שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט מֶען הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס. (זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב א')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט
### אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא'ס הֵייל

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן כ"ה) "הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", דָאס מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִיז דִי הֶעכְסְטֶע און גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוערְט מֶען מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעלֵייזְט, מֶען בַּאקוּמְט לֶעבְּן. אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַז עֶר ווִיל טוּן עֶפֶּעס אַ הוֹיכֶע מַדְרֵגָה. 'וָואס קֶען אִיךְ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען? וָואס קֶען אִיךְ עֶפֶּעס טוּן?' גֵיי רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דָאס און דָאס טוּט מִיר וֵויי. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער און דֶער הָאט מִיר פַארְשֶׁעמְט. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פוּן דֶעם און דֶעם וֶוער אִיךְ אַלֵיינְס

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט וֶוען דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן דָאס צוּ טוּן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְשַׂמֵחַ זַיין דַיין ווַייבּ, אִיר רְפוּאָה אִיז נָאר אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין שִׂמְחָה; נֶעם אִיר צוּ דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ, דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער און בֶּעסְטֶער דָאקְטֶער, "שִׂמְחָה הוּא הָרְפוּאָה לַכֹּל" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד).

אוֹיךְ אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאפֶעסָאר דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן – אִישׁ שָׂדֶה, לֵילֵךְ בַּיְּעָרִים וּבַשָּׂדוֹת, גֵיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער און פֶעלְדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע דָאקְטוֹירִים וָואס הָאבְּן אִים גֶעהַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן, דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ, דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן, דָאקְטֶער לֶערְנֶער און דָאקְטֶער וַואסֶערְמַאן; שִׂמְחָה, הִתְבּוֹדְדוּת, תּוֹרָה און מִקְוֶה; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"ו)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שְׁרַיי !

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ג מְנַחֵם-
אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר וֵויסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מִיר וֵוייסְן פוּן דִי עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אוּן דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט פַאלְן; מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל עֶר זָאל אוּנְז מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט וִוי מֶען הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עַד אֵין לְשַׁעֵר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען שְׁרֵייט צוּ אִים.

אַמָאל אִיז מוֹהֲרַנַ"ת גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט אוּן דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שב): "דֶער עִיקָר אִיז ׳מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי׳"; דָאס וָואס שְׁטֵייט בַּיי יוֹנָה הַנָּבִיא (יוֹנָה ב, ג), וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען דִי פִישׁ הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען בַּיים יֵצֶר הָרָע, מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, הֶעלְף מִיר! אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; מוֹהֲרַנַ"ת הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיָּ׳ גֶעוֶוען מִיט דִי פָאר וֶוערְטֶער אוּן גֶעזָאגְט אַז דִי שִׂיחָה אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן גָאר וִויכְטִיג, וַוייל אַמָאל שְׁפִּירְט מֶען אַזוֹי וַוייט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען אִיז אִין דִי בֶּטֶן הַקְּלִיפּוֹת; זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיךְ פוּן דָארְט הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר דִי יָאר אוֹיךְ הֶעלְפְן בַּיים קָאמְפֵּיין, אִיךְ נֶעם דָאס זֵייעֶר פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיךְ וִויל יֶעדֶער אָן אוֹיסְנַאם זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט**
**הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

מט. הָאֻמּוֹת הֵם קְרוֹבֵי תְּשׁוּבָה. גוֹיִם קֶענֶען שְׁנֶעלֶער תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

נ. לִמּוּד הַתּוֹרָה הִיא מְכַפֶּרֶת. לֶערְנֶען תּוֹרָה, פַארְצֵייעֶט אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת.



פַארְשֶׁעמְט. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר". אַזוֹי שְׁמוּעֶס מִיט אִים, שְׁמוּעֶס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אַרוֹיס וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין חֵיפָה בַּיים הַר הַכַּרְמֶל, דָארְט אִינֶעם בַּארְג אִיז דָא אַ הֵייל. דָארְט אִיז דֶער הֵייל וואוּ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן וֶוען מְ׳הָאט אִים גֶעזוּכְט, דִי קֶענִיגְן וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה הָאבְּן אִים גֶעזוּכְט צוּ הַרְגְ׳עֶנֶען. שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶס אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן, סוֹף סֵפֶר שְׁבָחֵי הָרַ"ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין דִי הֵייל הָאבּ אִיךְ זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְן, וִוי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דָא. אוּן וָואס טוּט עֶר? עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. יָא, אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט אַהִין אוּן צוּרִיק אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת.

רֶבִּי נָתָן הָאט עֶס מוֹרָא׳דִיג בַּאוואוּנְדֶערְט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אוֹיף אַ פְּלַאץ, אַן הִיסְטָארִישֶׁער פְּלַאץ, וואוּ דֶער אוּן יֶענֶער קֶענִיג זֶענֶען גֶעוֶוען, וָואס קֶענְסְטוּ טוּן מִיט דֶעם פְּלַאץ? מֶען קֶען קוּקְן אוּן שׁוֹין. אוּן לְהַבְדִיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת, וֶוען מֶען גֵייט צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, צוּ הֵיילִיגֶע פְּלֶעצֶער קֶען מֶען זֶען אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען וָואס עֶס הָאט דָארְט פַּאסִירְט, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְעָרַת אֵלִיָּהוּ, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעטְרַאכְט דִי נְקוּדָה: דָא אִיז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעוֶוען, אוּן וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר גֵייט גְלַייךְ צוּם נְקוּדָה, אוּן וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֵיי עֶס אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן טוּן, אִיךְ גֵיי אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַמָאל גֶעזֶעסְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט דִי בָּחוּרִים, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְט, "וֶוער וִויל אִיךְ זָאל אִים יֶעצְט בְּרֶענְגֶען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא?", מַאכְן גִילוּי אֵלִיָּהוּ פַאר דִי בָּחוּרִים. דִי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעוָוארְן אַזוֹי צוּפֵייעֶרְט, "וָואס הֵייסְט?! מוֹהֲרָא"שׁ קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא? מְ׳הָאט דָאךְ גֶעגְלֵייבְּט אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גִילוּי אֵלִיָּהוּ. אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ קֶען אוּנְז אוֹיךְ וַוייזְן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא?", זָאגְט זֵיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ וִויל עֶנְק וַוייזְן נָאךְ אַ הֶעכֶערֶע זַאךְ, אִיךְ וֶועל עֶנְק בְּרֶענְגֶען צוּ אַ הֶעכֶערֶע פְּלַאץ פוּן גִילוּי אֵלִיָּהוּ, אִיךְ וֶועל עֶנְק בְּרֶענְגֶען צוּ גִילוּי שְׁכִינָה! דוּ קֶענְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ אִים, אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ אַבִּיסְל רֶעדְן צוּ אִים, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל רֶעדְן צוּ אִים, צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען נָאךְ אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן נָאךְ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן נָאךְ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה, בִּיז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרוּם דִיר, וֶועסְט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, זָאג דָאס אַלֵיין פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן", הָאסְטוּ דֶען נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן? אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת, הָאט דֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן? וֶוען מֶען פַארְשְׁמוּעֶסְט זִיךְ מִיט אַ חַבֶר, קֶען מֶען רֶעדְן אוּן רֶעדְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט. הָאט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט וָואס צוּ פַארְצֵיילְן? אוּי הָאט מֶען צוּ פַארְצֵיילְן.

נָאר אִין אָנְהוֹיבּ אִיז עֶס שְׁוֶוער, וַוייל מְ׳זֶעט עֶס נִישְׁט, מְ׳שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ׳שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי וַוייט וַוייט אַוֶועק. דַארְף מֶען דָאס אַלֵיין בֶּעטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל דִיךְ שְׁפִּירְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל דִיךְ זֶען".

אַז מֶען וֶועט פָאלְגֶן דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, מְ׳וֶועט יֶעדְן טָאג גֵיין אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת. וואוּ גֵייט מֶען הִתְבּוֹדְדוּת? נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ, מֶען קֶען גֵיין אִין דִי קַאר, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת דַארְף מֶען אַרַיינְגֵיין טִיף אִין וַואלְד אוּן זַיין דֶערְשְׁרָאקְן דָארְט אַ גַאנְצֶע צַייט אוֹיבּ עֶפֶּעס שָׁאקְלְט זִיךְ, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן דִי אֵייגֶענֶע שָׁאטְן, מֶען קֶען פָארְן מִיט דִי קַאר אַהִין אוּן צוּרִיק, מֶען צִינְדְט זִיךְ אָן אַ שֵׁיינֶעם נִיגוּן, אוּן מְ׳זָאגְט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר", אַ קַאר אִיז אַ גוּטֶע חֶדֶר הִתְבּוֹדְדוּת. אָדֶער אַז מְ׳זִיצְט אִין אַן אָפִיס, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן דָא, וָואס טוּ אִיךְ דָא אִין דִי אָפִיס? סְ׳אִיז נִישְׁט דָא קַיין בִּיזְנֶעס, סְ׳אִיז נִישְׁט דָא קַיין דְזְשַׁאבְּס. וָואס קֶען אִיךְ טוּן? מְ׳רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ׳אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. מְ׳לֶערְנְט אַבִּיסְל, מְ׳נֶעמְט מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, מְ׳נֶעמְט מִיט אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל תְּהִלִּים.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ פָאלְגֶן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר וֶוערְטֶער יֶעדְן טָאג.

(שִׁיעוּר מְלַוֶּה מַלְכָּה מוצש"ק דְּבָרִים תשפ"ו)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רנה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי זָאגְט אִיבֶּער דִי וָואס קְרִיגְן אוֹיף אִים, "זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אִים, אִיךְ זִיץ זִיךְ בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט וָואס זֵיי טְרַאכְטְן אַלְץ".**

דֶער רֶבִּי הָאט פָּארְגֶעזֶעצְט אוּן גֶעזָאגְט, "עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַמָאל אַזַא מַעֲשֶׂה אַז מֶען הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף אֵיינֶעם, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיעֶט אַן הוֹיכְן טוּרֶעם אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים הָאבְּן גֶעשָׁאסְן פַּיילְן אוּן פֵייעֶר אוֹיפְ'ן טוּרֶעם, זֵיי הָאבְּן אִים אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן. עֶס זֶענֶען אָבֶּער דָא גֶעוִוויסֶע סָארְט טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וָואס וַואקְסְן פוּן לוּפְט אוּן פַּארֶע, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין טֵייעֶרֶע שְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוַואקְסְן אִין דִי לוּפְט, עֶס אִיז אָבֶּער נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען פַארְעֶנְדִיגְט אִינְגַאנְצְן מִיטְ'ן גֶענְצְלִיכְן שְׁלֵימוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָוארְפְן דִי פַּיילְן, הָאבְּן זֵיי אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם טֵייעֶרְן שְׁטֵיין אוּן עֶס אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיפְ'ן טוּרֶעם, אוּן דֶער טֵייעֶרֶער שְׁטֵיין הָאט גֶעבְּרֶענְגְט חֵן, אוּן גְלַייךְ וֶוען דֶער שְׁטֵיין אִיז גֶעפַאלְן אוֹיפְ'ן טוּרֶעם זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעפַאלְן פַאר אִים אוּן גֶעשְׁרִיגְן 'יְחִי הַמֶּלֶךְ', 'לֶעבְּן זָאל דֶער קֶענִיג!'".

"אָבֶּער דִי קְלֵיינֶע נְשָׁמוֹת, אַזוֹי וִוי אַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, וָואס וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן אַ מִלְחָמָה, זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן "תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ" (אֵיכָה ד', א'), עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שְׁפִיכָה', צֶעגָאסְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין שְׁלֵימוּת, זֵיי צֶעפַאלְן נָאךְ אֵיידֶער זֵיי וֶוערְן פַארְעֶנְדִיגְט, אָבֶּער דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, דִי טֵייעֶרֶע שְׁטֵיין, הָאט שׁוֹין גֶעהַאט דִי בְּחִינָה פוּן חֵן בִּשְׁלֵימוּת, עֶס הָאט אִיר נָאר גֶעפֶעלְט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס זִי הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט בִּשְׁלֵימוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם חָכָם אִיז עֶס אִינְגַאנְצְן פַארְפוּלְקָאמְט גֶעוָוארְן.

**תתיט**

**חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח אִיז ר' לִיפָּא אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן** (זֶע אִיבֶּער אִים אוֹיבְּן אִין סִימָן שצ"ה), וָואס עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּלִיבּ אַסַאךְ סִיבּוֹת, אוּן פַאר פֶּסַח הָאט אִים רֶבִּי נָתָן בַּאגֶעגְנְט אוֹיפְ'ן גַאס אוּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק פָארְגֶעהַאלְטְן, "וָואס אִיז מִיט דִיר, ר' לִיפָּא? עִמָּנוּ הָיִיתָ, בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען מִיט אוּנְז, וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען אַוֶועק פוּן אַזַא רֶבִּי'ן?", דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן אִים שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן מְעוֹרֵר גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר גֵייט גֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶענוּמֶען שָׁלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט, "אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן וָואס מֶען רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פוּן פְלַאץ, מֶען שְׁטֵייגְט גָארְנִישְׁט צוּ אַן הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען הַאלְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי פְרִיעֶר, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז נָאךְ עֶרְגֶער גֶעוָוארְן פוּן פְרִיעֶר, אוֹיבּ אָבֶּער אִיז מֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק, אִיז דִי הִתְקַרְבוּת אַלֵיין זֵייעֶר גוּט, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט קַיין שַׁאךְ", אוֹיבּ וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם צַדִיק, וָואלְט זִיכֶער גֶעוֶוען פִיל פַאכִיג עֶרְגֶער.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט "הַדְּרָכִים מְבַקְשִׁים אֶת תַּפְקִידָם", דִי וֶועגְן בֶּענְקֶען זִיךְ צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט, דִי לָשׁוֹן שְׁטֵייט אִין מֶדְרָשׁ (אֵיכָה רַבָּה א', ל"א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה א', ד') "דַּרְכֵי צִיּוֹן אֲבֵלוֹת", אַז דִי וֶועגְן וָואס פִירְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ קְלָאגְן אוּן טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אִידְן וָואס פְלֶעגְן גֵיין אוֹיף זֵיי עוֹלֶה רֶגֶל זַיין, אוּן יֶעצְט קוּמֶען זֵיי מֶער נִישְׁט.

<<<<<<



### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וֶועלְכֶע סָארְט טֶעלֶעפָאן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין וַוייבּ'ס טֶעלֶעפָאן, אַ כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן מִיט אַן הֶכְשֵׁר, הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ צְוֵויי אוֹיסְוַואלְן וָואס אִיר צוּ קוֹיפְן, אָדֶער נָאכְאַמָאל אַ כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן מִיט אַן הֶכְשֵׁר, וָואס דִי סָארְט טֶעלֶעפָאנֶען זֶענֶען נִישְׁט פוּן אַזַא גוּטֶע קְוַואלִיטֶעט, אָדֶער קֶען אִיךְ קוֹיפְן אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער טֶעלֶעפָאן וָואס קֶען אַרַיינְנֶעמֶען אַ כָּשֵׁר'עֶ סִים קַארְטְל, וָואס אִיז הַאלְבּ דִי פְּרַייז, אוּן עֶס אִיז סַאךְ אַ בֶּעסֶערֶע קְוַואלִיטֶעט, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען וֶועט עֶס נוּצְן נָאר מִיט אַ כָּשֵׁר'עֶ סִים, וָואס מֶען קֶען נָאר רֶעדְן מִיט דֶעם אוּן עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טֶעקְסְט; אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר זָאגְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, וֶועלְכֶע אוֹיסְוַואל צוּ נֶעמֶען?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט טַאמֶעוַואטֶע וֶועלְכֶע טֶעלֶעפָאן עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ קוֹיפְן פַאר דַיין וַוייבּ; אַוַדַאי דִי מֶערְסְטֶע כָּשֵׁר'עֶ אוּן דִי מֶערְסְטֶע פָּשׁוּטֶ'ע, וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה...

דִי נִסְיוֹנוֹת וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי מָארְגְן וֶועט בְּרֶענְגֶען, מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; דַארְף מֶען אַוֶועק שְׁטֵיין פוּן דִי גַאס דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אִיז מֶעגְלִיךְ, אוּן קוֹיפְן דִי טֶעלֶעפָאן וָואס דִי רַבָּנִים זָאגְן, אַז מֶען קֶען הָאבְּן דִי טֶעלֶעפָאן וָואס הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ זֶען אוּן הֶערְן קַיין שְׁלֶעכְטֶס.

דָאס וֵוייסְטוּ אַז אֲפִילוּ בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל, דִי אַמֶערִיקַאנֶע רֶעגִירוּנְג וִויל אַוֶועק שְׁטֶעלְן תַּקָּנוֹת אַז דִי יוּגְנְט זָאל נִישְׁט הָאבְּן מֶער קַיין צוּטְרִיט צוּ טֶעכְנֶעלָאגְיֶע, אֲפִילוּ זֵיי זָאגְן אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, נִישְׁט אַז מִיר דַארְפְן רְאַיוֹת פוּן זֵיי, נִישְׁט אַז מִיר קוּקְן אוֹיף זֵיי; אִיז וִוי קֶען מֶען זִיךְ מַאכְן טַאמֶעוַואטֶע...

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, דוּ, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"ו)

<<<<<< לעבנס געשיכטע פון רבי'ן

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פָּארְן צוּם צַדִיק, וֶוען אֵיינֶער פוּן זֵיי הֶערְט אוֹיף חַס וְשָׁלוֹם צוּ גֵיין צוּם צַדִיק, דַאן קְלָאגְן דִי וֶועגְן אוֹיף דֶעם, דִי וֶועגְן גְלוּסְטְן אוּן בֶּענְקֶען אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל פָּארְן אוֹיף זֵיי צוּם צַדִיק.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ זֵייעֶר, וִוי אַזוֹי וַוארְפְט מֶען אַוֶועק אַזַא בַּאלִיבְּטֶע טֵייעֶרֶע חַבוּרָה? מִמָּה נַפְשָׁךְ, הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי אַלֶע יָארְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאסְטוּ דָאךְ זִיכֶער פַארְלוֹירְן אַזוֹיפִיל גוּטְס, אוּן אוֹיבּ הָאסְט יָא גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶרְלִיכֶערְהֵייט, וָואלְט דָאךְ בֶּעסֶער גֶעוֶוען וֶוען דוּ טוּסְט עֶס מִיט אַ שׁוּתְּפוּת מִיט דִי בַּאלִיבְּטֶע חֲבֵרִים, אַנְדֶערֶע וָואלְטְן דָאךְ אוֹיךְ גֶעקֶענְט מֶער מַצְלִיחַ זַיין דוּרְךְ דַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים. אָבֶער מֶער פוּן דֶעם, דִיר צוּ זָאגְן וָואס אִיךְ בִּין אוּן וָואס דוּ הָאסְט פַארְפַּאסְט, דָאס קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט זָאגְן, אוֹיבּ וֶועסְטוּ אַוֶועקְגֵיין יֶעצְט, וֶועסְטוּ חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיפְ'ן עָבַר".

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## "לעבנסגעשיכטע" קאמפיין

## דינסטאג ביז דאנערשטאג ראה

קומענדיגע וואך וועט אי"ה פארקומען די יערליכע קאמפיין, וואס לויפט דאס יאר אונטערן נאמען "לעבנסגעשיכטע", כשמו כן הוא, יעדער ווייסט זיין אייגענעם לעבנסגעשיכטע ווי אזוי ער האט אויסגעזען איידער ער איז אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן, און ווי אזוי זיין לעבנסגעשיכטע האט זיך געטוישט צום גוטן, ער מיט די גאנצע משפחה, דורך די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, וויפיל די הייליגע קהלה און מוסדות האבן אויסגעפארמט זיין לעבנסגעשיכטע צום ריכטיגן וועג, צו א געשמאקע לעבן מיט'ן אייבערשטן, און דעריבער לייגן זיך אנשי שלומינו אריין מיט'ן גאנצן כח און אייפער צו צוזאמנעמען צדקה אז די הייליגע קהלה און מוסדות זאלן ווייטער קענען אנגיין און בליען ביתר שאת וביתר עז.

די קאמפיין וועט אנגיין אי"ה פון דינסטאג ביז דאנערשטאג פרשת ראה, אנשי שלומינו ווארטן נישט אויף די לעצטע מינוט, נאר פילע האבן שוין אריינגעברענגט גרעסערע סומעס צום קאמפיין.

צו נעמען א צ'יל ביים קאמפיין, ווי אויך פאר אלע טעכנישע אנפראגעס בנוגע דעם קאמפיין, קען מען רופן אין אפיס אויף 845-439-2525. דעם זעלבן נומער קען מען אויך נוצן צו מנדב זיין פאר'ן קאמפיין, אדער אויפ'ן לינק **charidy.com/breslev**.

דער קומענדיגן דאנערשטאג וועלן אנשי שלומינו זיך צוזאמקומען אינאיינעם צוצושטיגן דעם קאמפיין, עס וועט זיין צוגעשטעלט פיינע מאכלים און אינאיינעם וועט מען זיך מחזק זיין צו פארענדיגן צוזאמנעמען צדקה פון וועמען מען האט נאכנישט געבעטן ביז יעצט, פרטים איבער דעם מעמד וועט אי"ה געמאלדן ווערן.

מיר באקומען אזויפיל מתנות און חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א אין לויף פונעם גאנצן יאר, און יעצט איז די צייט, איינמאל א יאר, ווען מיר קענען ארויסווייזן אביסל אונזער הכרת הטוב פאר'ן ראש ישיבה שליט"א. דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן די וואך גאר אסאך בריוו פאר צענדליגע אנשי שלומינו, אין וואס ער בעט אז מען זאל נעמען דעם קאמפיין גאר פערזענליך, זען צו גיין נאך געלט מיט'ן גאנצן הארץ, נישט נאר אבי יוצא צו זיין, דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אז ער האט זיך אריינגעלייגט אין חובות פון איבער פיר מיליאן דאלער, און דאס אלעס גארנישט פאר זיך אליין, נאר פאר די קהלה און די מוסדות, און דעריבער האט יעדער א פליכט זיכער צו מאכן אריינצוברענגען ווי מער געלט, ארויסנעמען דעם ראש ישיבה שליט"א פון די חובות וואס ער האט געמאכט פאר די טובה פון אונז און אונזערע קינדער, און עס נישט נעמען פאר לייכט.

אנשי שלומינו וועלן ווידעראמאל געבן א געלעגנהייט פאר כלל ישראל צו נעמען א חלק אין דעם הייליגן אמונה פאבריק "היכל הקודש" וואס באלייכט די גאנצע וועלט מיט אירע ערליכע פעולות פון פארשפרייטן אמונה, חיזוק, פאר יעדן איד.

אויב האט איר הנאה פון די חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן דורך די שיעורים און בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, הויבט שוין אויף דעם טעלעפאן און רופט אויף 845-439-2525, און העלפט ארויס אז עס זאל ווייטער קענען אנגיין.

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

## סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

## ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל**
**למזל טוב, א מיידל, ביי זיין זון**

מו"ה **שמעון רוטה** שליט"א

חתן מו"ה **אברהם משה שטראסער** שליט"א

**מנהל מוסדות היכל הקודש ברסלב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יושע איינהארן** הי"ו בארא פארק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יוסף מאיר שטיין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אלי' פערל** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **משה ארי' שניטצלער** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **נחמן נתן שניטצלער** נ"י


## מיט שטאלץ

**מיט אידישקייט שעמט מען זיך נישט, מען שטעלט זיך ארויס מיט'ן גאנצן שטאלץ, אן קיין בושה און פחד פון קיינעם**

## קול ברסלב

## 212-444-9191

**1, 2, 1, 12, 2, 63**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

## 718-387-2691

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


< BreslevCenter.com >